בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

חידושי תורה

## סעודת פורים תשי"ט

תוכו רצוף אהבה בהשתוקקות וכלות הנפש
שיזכה לקיים רצון הבורא ב"ה וב"ש

בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ח לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י
מערכת ״לשון קדשו״
מאנטריאל קאנאדא
1-514-585-3040

**קונטרס 55**

---

## לשמיעת הדברות קודש:

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**
(פון אייראפע 972-72-3333419+)

צו הערן די תורה **פורים תשי״ט**

דרוקט: **#→919→6→16** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

**קלאָר** (52 מינוט)

---

**זכות הקונטרס נתנדב**

לעילו נשמת
הרבני החשוב מתלמידי רביה״ק זי״ע, והיה דבוק בתורתיו
מוה״ר **ישראל אלטר פנחס** ז״ל **ציק**
בהגה״ח **אברהם יוסף** זללה״ה (מתלמידי רביה״ק זי״ע באורשיווע)
נפטר י״ז אדר תשס״ז לפ״ק
זכות הלימוד בדברי תורה אלו וזכות רביה״ק זי״ע יעמדו לנשמתו בגבהי מרומים
שתהא נשמתו צרורה בצרור החיים

KolSatmar.com

# בעת מִשְׁתֵּה הַיַּיִן - קודם אמירת התורה

**שיחת קודש: בענין חשיבות האמונה, וחשיבות קיום המצות, ובתוכם מצות "שתיית יין" בפורים**

**א**

חשיבות קיום כל מצוה, דהוא מחמת "אמונה" בה', והאמונה הוא מצוה היותר דבר גדול

[אמרו חכמינו ז"ל (אבות פ"ב מ"א) וֶהֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה.

וכתב **הרמב"ן** ז"ל (סוף פ' בא)[א] כי האמת הוא שאין בנמצא כלל מצוה קלה, דהרי כל מצוה שמקיים האדם] **טוט מען דאָך פאַרדעם ווייל מ'האָט אמונה, און די גרעסטע מצוה איז אמונה, איז גאָרנישט פאַרהאַנדן קיין מִצְוָה קַלָּה.**

**אַז מ'טוט אַ מצוה, איז עס פאַרדעם ווייל מ'האָט אמונה אין השי"ת,** [און] **אמונה אין השי"ת איז די גרעסטע מצוה, ס'איז נישטאָ קיין גרעסערס.**

**ב**

זאת נחמתי בעניי, כי אני מכנים "אמונה" בלבות ישראל

**איך האָף, - איך מוז זאָגן, - איך טרייסט מיך מיט דעם.**

**קיינער ווייסט נישט מיין נידריגקייט,** [אָבער] **איך שפּיר דאָס.**

**אַזויפיל נֶחָמָה האָב איך, איך האָף, אַזויפיל ברענג איך אַריין אין אידן, אַז זיי זאָלן האָבן אמונה אין השם יתברך, דאָס אַליין טרייסט מיך, דער כח האמונה איז גובר אַלעס.**

**ג**

המאמר "נכנס יין יצא סוד", קאי על פורים

**וואָס טייטש נכנס יין יצא סוד** (עירובין סה.) **?**

**ווייל פורים איז אַ זמן וואָס מ'טרינקט יין, דעמאָלטס קומט עפּעס אַרויס עפּעס אַ סוד[ב] !**

**ד**

תוקף הנסיונות בעניני "אמונה" בדור הזה וגודל הזכיה שאעפ"כ מאמינים, וגודל הצפייה לה'

**איך האָף אַז דער אייבערשטער וועט נאָך העלפן די אַלע אידן וואָס זיי קוקן אַרויס אויף אַ ישועה פון השי"ת.**

---

[א] **וז"ל הרמב"ן** (בתוך הדברים): **ועתה אומר לך כלל בטעם מִצְוֹת רבות. הנה מעת היות עבודה זרה בעולם מימי אנוש, הֵחֵלּוּ הַדֵּעוֹת לְהִשְׁתַּבֵּשׁ באמונה וכו', וכאשר יִרְצֶה האלקים בְּעֵדָה או ביחיד ויעשה עמהם מופת בשנוי מנהגו של עולם וטבעו, יתברר לכל בטול הדעות האלה כולם, כי המופת הנפלא מורה שיש לעולם אֱלוֹקַ מְחַדְּשׁוֹ, ויודע ומשגיח וְיָכוֹל, וכאשר יהיה המופת ההוא נגזר תחלה מפי נביא יתברר ממנו עוד אמיתת הנבואה וכו'. - ובעבור כי הקב"ה לא יעשה אות ומופת בכל דור לעיני כל רשע או כופר, יצוה אותנו שנעשה תמיד זכרון ואות לאשר ראו עינינו, ונעתיק הדבר אל בנינו, ובניהם לבניהם, ובניהם לדור אחרון, והחמיר מאד בענין הזה וכו'. כי הקונה מזוזה בזוז אחד וקבעה בפתחו ונתכוון בענינה, כבר הוֹדָה בְּחִדּוּשׁ העולם ובידיעת הבורא והשגחתו, וגם בנבואה, והאמין בכל פנות התורה, מלבד שהודה שחסד הבורא גדול מאד על עושי רצונו, שהוציאנו מאותו עבדות לחירות וכו'.**

**ולפיכך אמרו** (אבות פ"ב מ"א) **וֶהֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה, שכולן חמודות וחביבות מאד, שבכל שעה אדם מודה בהן לאלקיו, וכוונת כל המצות שנאמין באלקינו ונודה אליו שהוא בראנו, והיא כוונת היצירה, שאין לנו טעם אחר ביצירה הראשונה, ואין קל עליון חפץ בתחתונים מלבד שידע האדם ויודה לאלקיו שבראו וכו'. - ומן הנסים הגדולים המפורסמים אדם מודה בנסים הנסתרים שהם יסוד התורה כולה, שאין לאדם חלק בתורת משה רבינו עד שנאמין בכל דברינו ומקרינו שכלם נסים אין בהם טבע ומנהגו של עולם, בין ברבים בין ביחיד, אלא אם יעשה המצות יצליחנו שכרו, ואם יעבור עליהם יכריתנו ענשו, הכל בגזרת עליון וכו'.**

[ב] אולי הכוונה, שאז בפורים הוא היום שמתגלה מעמקי לבו של איש ישראל. או הכוונה על פי סוד ממש (וכמובא בכתבי האר"י שבפורים יש הארה והתגלות יותר מכל השנה), ומי בא בסודו.

KolSatmar.com

**שווערע נסיונות האָט מען אין דעם דור, אַז אידן זאָלן האָבן אמונה אין השי״ת, איך האָף השי״ת וועט אונז נאָך העלפן.**

ה

[רבינו ז״ל היה לפני שתיית כוס השביעי ואמר]:

**דאָס זיבעטע איז דאָך קודש, אַזוי ווי, קעגן שבת, ס׳איז קעגן שמירת שבת און ס׳איז קעגן שמיטה[ג], דאָס זיבעטע איז קודש.**

ו

**געלויבט השם יתברך.**

**געלויבט השי״ת אונז זעמיר אידן און מ׳גלייב מיר אין באַשעפער, אפילו מ׳שפירט נישט ׳גאָרנישט׳, גלייבט מען אין ׳אַלדינגס׳** [מאמונת השי״ת ותוה״ק].

**מ׳האָט זיך געפאַרכטן** [רבי יוחנן] **פאַר דעם דור, ער האָט געזאָגט יֵיתֵי וְלָא אַחְמִינֵיהּ[ד], ער האָט מורא געהאַט פאַר אַזאַ נידריגע** [דור]**. ער האָט נישט מורא געהאַט, רבי יוחנן האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין ״גופניות״, ער האָט מורא געהאַט פאַר׳ן ״נפש״ אין רוחניות, און דאָס שפלות אין תורה.**

**און ״אונז״ לעב מיר אין דעם דור וואָס ״רבי יוחנן״ האָט מורא געהאַט.**

**געלויבט השי״ת אַז מ׳גלייב מיר נאָך אין באַשעפער. איך האָף אַז דער בורא כל עולמים וועט אונז העלפן.**

ז

## גודל הזכייה לקיים מצות קריאת ״המגילה״, או שאר מצות

**ס׳איז פורים היינט, מ׳ליינט די מגילה, ס׳איז אַ ״פחד נורא״ יעדעס וואָרט פון דער מגילה, ס׳איז בּוֹקֵעַ רְקִיעִים.**

**מ׳האָט די זכיה מ׳קאָן לייענען די מגילה ״בציבור״, צו מאַכן אַ נחת רוח פאַר׳ן לעבעדיגן באַשעפער.**

**איך האָף צום באַשעפער, השי״ת זאָל אונז העלפן, מ׳זעמיר אין אַזאַ נידריג דור, מ׳האָט נישט פון וואו צו שעפן,** [מ׳האָט נישט] **ווער ס׳זאָל אונז משפיע זיין, טאַקע נאָר איין באַשעפער אין הימל! דער באַשעפער העלפט ׳דאָך׳. געלויבט דער הייליגער באַשעפער, אוי וויי געוואַלד.**

**אַז מ׳האָט די זכיה איין מאָל אין לעבן צו טאָן דעם רצון הבורא ברוך הוא וברוך שמו, ׳אַלעס׳ איז כדאי** [עבור זה, כל מה שעוברין בזה העולם].

[ולזה נתאוו המלאכים ובקשו] **תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמָיִם** (תהלים ח, ב) [שיתנו התורה להם, כמו שאמרו חז״ל (שבת פח:)].

---

[ג] שנת תשי״ט היתה שנת השמיטה. - ועיין רמב״ן (שמות כא, ב) וז״ל: כי תקנה עבד עברי. התחיל המשפט הראשון בעבד עברי, מפני שיש בשילוח העבד בשנה השביעית זכר ליציאת מצרים וכו׳, ויש בה עוד זכר למעשה בראשית כשבת, כי ״השנה השביעית״ לעבד שבתון ממלאכת אדוניו ״כיום השביעי״, ויש בה עוד שביעי בשנים שהוא היובל, ״כי השביעי נבחר בימים ובשנים ובשמטות, והכל לענין אחד, והוא סוד ימות העולם מבראשית עד ויכלו״, ולכן המצוה הזאת ראויה להקדים אותה, ״שהיא נכבדת מאד, רומזת דברים גדולים במעשה בראשית״ וכו׳. [ועיין עוד ברמב״ן פ׳ בהר (כה, ב)].

[ד] בגמרא (סנהדרין צח:) פירוש יֵיתֵי, שיבא משיח, וְלָא אַחְמִינֵיהּ, אבל לא אראנו, ורוצה לומר שאיני רוצה להיות בדור שלפני משיח, מחמת כובד הגלות שיהיה אז.

KolSatmar.com

**ווייל איין מאָל אין לעבן מקיים צו זיין אַ מצוה׳לע, ׳עפעס׳ אַ מצות התורה, איז ביי זיי געווען** [אַ] גרויס חשיבות, [ולכן רצו שהם יקבלו התורה והמצות].

געלויבט השי״ת, מ׳זעמיר ׳דאָך׳ מקיים מצות התורה, מ׳ליינט די ״מגילה״. **אַלעס איז כדאי, איין רגע צו טאָן דעם רצון הבורא ברוך הוא וברוך שמו.**

**ח**

קיום רצון הבורא ב״ה בשתיית ״היין״ בפורים

איי ווײ געוואַלד.

דער באַשעפער האָט באַשאַפן [את היין] און מ׳טוט דערמיט מצות הבורא ברוך הוא וברוך שמו.

איך טרינק דעם וויין, **איך האָב נישט קיין שום תאוה, איך טרינק עס ווייל השי״ת האָט געהייסן.** געלויבט השי״ת, איך טרינק פאַרדעם ווייל השי״ת האָט געהייסן.

איך האָף נאָך אַז דער אייבירשטער וועט מיר נאָך העלפן.

כׇּל זְמַן שֶׁהַנְּשָׁמָה בְּקִרְבִּי.

[רבינו גועה בבכיה והקהל עמו, ומסיים אומר בקול בוכים נחנק:] **מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ.**

כׇּל זְמַן שֶׁהַנְּשָׁמָה בְּקִרְבִּי.

כ׳האָב נישט קיין כח, אָבער געלויבט השי״ת.

**ט**

הקדמה לאמירת פשטים במאמרם ז״ל ״חייב אדם לבסומי עד דלא ידע״

רבותים!

[רבינו מכריז: איך זאָג גאָרנישט ביז מ׳צינדט אָן דעם לעקטער].

רבותים איך וועל אָנהייבן צו זאָגן פשטים, איך וועל יוצא זיין [דעם] ״חַיָּיב אָדָם לִבְסוּמֵי״ מיט׳ן [זאָגן] פְּשַׁט.

איך האָף איך וועל זאָגן פשטים וואָס ס׳וועט זיין לרצון פאַר השי״ת.

[פנה אל הכותבים] **איך מיין איר זאָלט עס אָפשרייבן**, היינט מעג מען שרייבן.

איך האָף השם יתברך וועט מיר משפיע זיין **דברים נחמדים** אַז ס׳זאָל זיין לרצון פאַר השי״ת.

הערטס אויס!

חַיָּיב אָדָם לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי (מגילה ז:).

איך בין אַביסל, אַביסל מבוסם, איך קען נישט זאָגן [אַז נישט. אָבער] אַזוי ווייט אַז ס׳איז עַד דְּלָא יָדַע?, איך מיין אַז איך קען נאָך [להבחין בין ארור המן לברוך מרדכי, ועל כן אני רוצה לקיימו באמירת ״פשטים״ על זה, ולקיים פירוש הפשטים].

הערטס אויס רבותים!

**הערטס אויס רבותים, עטץ מעגטס הערן, עטץ מעגטס הערן וואָס איך זאָג, מ׳הערט דאָך אויס היינט אַלע בעלי דרשן׳ס.**

**איך האָף איך זאָג נאָר דברים וואָס זענען מיוסד על דרך האמת, פון אונזערע ראשונים.**

KolSatmar.com

י

# אופן א

## בביאור המאמר עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי

**תמצית אופן א:** על ידי שתיית היין, באין לידי "השראת השכינה" ולידי "ההשגה", שאחר כל מה שאנו רואין ויודעין לחלק בין בחינת צדיק לבחינת הרשע, עדיין אין אנו יודעין כלום בהחילוק שביניהם, כי כל אחד מהם הוא עמוק עמוק מי ימצאנו זה ברשעו וזה בצדקו, דכוונת הצדיק כולו לשם שמים ויש לו השפעת "קדושה מלמעלה" שמנהיג אותו, וכוונת הרשע הוא לעקור את הכל ויש לו הסטרא אחרא והס"מ שמנהיגין אותו, וגם הצדיק עצמו והרשע עצמו אין משיגין עד היכן הם מגיעין.

הערטס אויס !

קודם וועל איך זאָגן אַזוי.

חַיָּיב אָדָם לְבַסּוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד "דְּלָא יָדַע".

דער הייליגער **רמב"ם** זאָגט[ה] תַּכְלִית הַיְדִיעָה "שֶׁלֹּא נֵדַע", [דער] תכלית הידיעה איז, אַז מ'קומט אויף דעם [=שמשיגין זאת] אַז מ'ווייסט נישט. פאַרוואָס, ווילאַנג מ'רעדט זיך איין אַז מ'ווייסט עפּעס, מיינט מען אַז 'דאָס איז עס', דעס וואָס מ'ווייסט, אוי אין דעם און אין אַלעמען ליגט עפּעס אַזעלכע ענינים, 'טיפע זאַכן' וואָס אַ מענטש ווייסט נישט.

יא

אונז קוק מיר אָן הָמָן'ן מיט מָרְדְּכָי'ן, מ'ווייסט דאָך, המן איז אַ גרויסער רשע, מרדכי איז אַ גרויסער צדיק. מיינט מען אַז 'דאָס איז עס', דאָס וואָס אונז זעה מיר. אונז זעה מיר "המן" איז אַ רשע, - המן און מרדכי, - להבדיל אלף אלפי אלפים הבדלות "מרדכי" איז אַ גרויסער צדיק.

**אָבער אונז ווייס מיר נאָכנישט גאָרנישט וואָס אין דעם ליגט.**

המן, ער האָט דאָך טיפע מחשבות, ער וויל אויסרייסן דאָס אידישקייט, ער וויל אַרויסרייסן דעם כלל ישראל. אונז ווייס מיר גאָרנישט ווי ווייט. אַזאַ סטרא אחרא, דער ס"מ.

המן.

**און ווידערום מרדכי הצדיק, אונז האָמיר נישט קיין השגה וואָס ס'ליגט אין אַ צדיק, וואָסערע כוונות אַ צדיק האָט, וואָס אַ צדיק מיינט, אונז ווייס מיר נישט גאָרנישט, עָמֹק עָמֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ** (קהלת ז, כד).

יב

אַז מ'קוקט 'אויבער פלעכליך' מיינט מען אַז מ'ווייסט אַ חילוק [בין] ארור [לברוך], המן מיינט 'דאָס' און דער צדיק מרדכי מיינט 'דאָס'.

[אָבער] אַז מ'טרינקט אַפּאָר גלעזל וויין, **איז דאָ השראת השכינה**, און אַז דער אייבירשטער העלפט אַז מ'האָט אַ שטיקל, **אַ שטיקל השגה**, ווערט מען געוואויר [אַז] דעס וואָס אונז ווייס מיר דאָס איז גאָרנישט, אונז ווייס מיר גאָרנישט.

---

[ה] מובא בהרבה ספרים בשם הרמב"ם (ולדוגמא עי' אור יצחק מהרה"ק מראדוויל חיי שרה). **ומקורו בספר בחינת עולם** (יג, מט) **לרבי ידעיה בר אברהם בדרשי** (מרבותינו הראשונים, נולד ה' אלפים מ'), **ובספר העקרים** (ב, ל).

KolSatmar.com

דער הייליגער רמב״ם זאָגט תַּכְלִית הַיְדִיעָה שֶׁלֹּא נֵדַע, דער תכלית הידיעה איז אַז מ׳זאָל וויסן אַז מ׳ווייסט גאָרנישט, דעמאָלטס ווייסט מען עפּעס. ווילאַנג מ׳רעדט זיך איין מ׳ווייסט עפּעס, ווייסט מען גאָרנישט.

[וע״י שתיית יין זוכין להשגה] מ׳ווערט געוואויר אַז מ׳ווייסט גאָרנישט, עָמֹק עָמֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ. אַז דער אייבירשטער העלפט מ׳טרינקט אַפּאָר גלעזלעך וויין, איז דאָ ״השראת השכינה״[י], ווערט מען געוואויר אונז ווייס מיר גאָרנישט, ס׳איז עָמֹק עָמֹק.

אין המן׳ן ליגט אַזוינס, וואָס אונז ווייס מיר גאָרנישט ווי ווייט רחמנא [ליצלן], ה׳ ישמרינו וואָס ער וויל אַלץ.

די רשעים פון דעם עֵרֶב רַב זענען מזרע המן, און די הייליגע צדיקים זיי זענען מזרע מרדכי, מ׳ווייסט גאָרנישט וואָס אין דעם ליגט.

אַז מ׳טרינקט אַפּאָר גלעזלעך וויין ווערט מען געוואויר אונז ווייס מיר גאָרנישט, דאָס איז עמוק, לְמַעֲלָה מֵהַשָּׂגָתֵנוּ, דאָס איז ״טיף״, דעס איז גאָרנישט וואָס אונז ווייס מיר, ס׳איז ׳ממש גאָרנישט׳, אונז ווייס מיר נישט וואָס אין דעם ליגט.

יג

איבערדעם חַיָּיב אָדָם לְבַסּוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד ״דְּלָא יָדַע״, מ׳זאָל קומען צו דער בחינה מ׳זאָל וויסן ״אונז ווייס מיר גאָרנישט״ בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי, אונז ווייס מיר גאָרנישט וואָס אין דעם ליגט, ס׳איז נישט דעס וואָס אונז זעה מיר, דאָס וואָס אונז זעה מיר דאָס איז גאָרנישט, הֶבֶל הֲבָלִים.

ס׳ליגט אין דעם אַזעלעכע טיפע זאַכן. המן אַליין ווייסט נישט וואָס אין אים ליגט. ס׳איז דאָ אַ סטרא אחרא, אַ ס״מ איז דאָ, וואָס ער לערנט אים. ער ווייסט אַליין נישט ווי ווייט ער גייט.

״הייליגער מרדכי״! ווייסט אויך ניטאַמאָל ווי ווייט ער גייט, ס׳איז אַ השפעה מן השמים פונעם הימל, אוי! מגבהי מרומים איז דאָ אַ השפעה אין אַ הייליגן איד וואָס ער דינט דעם באַשעפער, ער ווייסט אַליין נישט ווי ווייט ער גייט. אונז ווייס מיר גאָרנישט ווי ווייט דאָס גייט, ווי ווייט די השפעה גייט פון אַ איד וואָס ער דינט דעם באַשעפער, דאָס ווייס מיר אונז נישט וואָס אין דעם ליגט.

נאָר אונז ווייס מיר נישט, אונז זעמיר נישט ביי דער בחינה מ׳זאָל מיר ׳וויסן אַז מ׳ווייס מיר נישט׳ וואָס אין דעם ליגט, [מ׳זאָל וויסן אַז] אונז ווייס מיר נישט וואָס ס׳ליגט אין המן׳ן און וואָס ס׳ליגט אין מרדכי׳ן. אַז מ׳טרינקט אָבער אַפּאָר גלעזלעך וויין, העלפט דער אייבירשטער איז דאָ ״השראת השכינה״, קומט מען צו דער בחינה וואָס דער הייליגער רמב״ם זאָגט תכלית הידיעה שלא נדע, מ׳קומט צו דער בחינה [לידע] אַז מ׳ווייסט גאָרנישט וואָס אין דעם ליגט.

---

[י] בגמרא (עירובין סה.) אמר רבי חנינא, כל המתפתה ביינו יש בו מדעת קונו, שנאמר וַיָּרַח ה׳ אֶת רֵיחַ הַנִּיחֹחַ וגו׳. אמר רבי חייא כל המתיישב ביינו, יש בו דעת שבעים זקנים, יין ניתן בשבעים אותיות, וסוד ניתן בשבעים אותיות, נכנס יין יצא סוד.

KolSatmar.com

**וואָרן דאָס וואָס אונז 'זעה מיר', דאָס איז אַלעס 'גאָרנישט'. מ'זעט גענוג, אָבער ס'איז אַלעס גאָרנישט. ס'ליגט אין דערינען נאָך, עמוק עמוק מי ימצאנו.**

**איבערדעם חַיָּיב אָדָם לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד "דְּלָא יָדַע", מ'זאָל וויסן, מ'זאָל קומען צו דער בחינה, אַז "מ'ווייס מיר גאָרנישט" בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי. ס'ליגט אין דעם אַ גרויס ענין, ס'איז נישט דאָס וואָס אונז זעה מיר.**

**יד**

**אוי ווי גענוואַלד, דאָס איז נאָך גאָרנישט וואָס אונז זעה מיר, אוי אין דעם ליגט עמוק עמוק.**

**אוי אין דער קליפה - אין המן'ן - ליגט אַזוינס, ה' ישמרינו! זיי ווילן אויסרייסן חלילה אַלעס, על הכלל כולו יצא.**

**און אין אַ הייליגן איד וואָס ער דינט דעם באַשעפער ליגט, דאָס ווייס מיר אונז נישט וואָס אין דעם ליגט, "עמוק עמוק" וואָס אין אים ליגט, וואָס פאַר אַ השפעה אין אים ליגט, אַז מ'זאָל אויפהאַלטן די קדושה, די הייליגע תורה, און דעם רצון הבורא ברוך הוא וברוך שמו. אוי ווי.**

**איבערדעם דאַרף מען** [טרינקען]**, אַז מ'טרינקט אַפּאָר גלעזלעך ווייַן קומט מען צו דער בחינה אַז מ'איז "מוֹדֶה וּמִתְוַדֶּה" אַז מ'ווייס מיר נישט גאָרנישט. ס'ליגט אין דעם אָן אַ שיעור, דאָס וואָס אונז זעה מיר דאָס איז "גאָרנישט", דאָס איז טייטש עַד "דְּלָא יָדַע".**

**טו**

מפרש דברי רש"י בסוף פרשת תולדות "איני יודע מה מלמדינו",
על דרך הנ"ל שאינו יודע היאך לכתוב אל העולם "עומק" החילוק שבין צדיק לרשע

**ס'שטייט אין שפתי חכמים** (תולדות כח, ה), [וַיִּשְׁלַח יִצְחָק וגו' אֶל לָבָן וגו'] **אֲחִי רִבְקָה אֵם יַעֲקֹב וְעֵשָׂו, זאָגט רש"י אֵינִי יוֹדֵעַ מַה מְּלַמְּדֵנוּ, זאָגט דער שפתי חכמים, פרעגט דער שפתי חכמים, "אם אינו יודע לישתוק"!**

**זאָגט ער** [השפתי חכמים]**, ער** [רש"י] **האָט געהאַט אַסאַך פּירושים, האָט ער נישט געוואוסט וועלעכס** [לכתוב][ז].

[ואכתי קשה] **וואָס הייסט עפּעס, וואָס הייסט ער האָט נישט געוואוסט?**

[אבל נראה] **ס'ליגט אָבער נאָך אַן עַמְקוּת אין דעם, ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן** [אל העולם]**, וויאַזוי קאָן ער דאָס זאָגן עפּעס פאַר די 'וועלט', די וועלט פאַרשטייט נישט. אֵינִי יוֹדֵעַ מַה 'מְלַמְּדֵנוּ', איך ווייס נישט, איך קען דאָס נישט זאָגן פאַר די וועלט אַזעלכע פשטים, וואָרן די השגה** [של העולם] **איז זייער קורץ, מ'קען דאָס נישט פאַרשטיין** [בחינת העמוק עמוק של יַעֲקֹב וְעֵשָׂו, הצדיק והרשע]**, עַד "דְּלָא יָדַע", מ'קען נישט פאַרשטיין.**

**טז**

**המן אַליין ווייסט אויך נישט ווי ווייט ער וויל דאָס** [הטומאה]**, ס'איז אויף אים דאָ אַ ס"מ אַ גרויסער וואָס ער לערנט אים.**

---

[ז] בשפתי חכמים: יש מקשים מה בא להודיענו שאינו יודע, אם לא יודע ישתוק. ויש לומר דרש"י ידע שיש לישב בכמה אנפי וכו', אבל לא ידע איזה הוא אמיתי לישב הפשיטות של מקרא.

KolSatmar.com

**מילא מרדכי! איז דאָך דאָ אַ ״קדושה מלמעלה״ וואָס ס׳פירט אים** [ובודאי שבחינתו הוא עמוק עמוק מי ימצאנו, וגם הוא עצמו אינו יודע עד היכן קדושתו והשפעתו מגעת].

אֵינִי יוֹדֵעַ מַה מְּלַמְּדֵנוּ.

איבערדעם דאַרף מען טרינקען, אַז מ׳זאָל קומען צו דער בחינה מ׳זאָל גאָרנישט וויסן מַה בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי.

איך ווייס נישט, הגם איך זעה [החילוק בין המן למרדכי], **מ׳זעט גענוג. אָבער דאָס איז אַלעס הֶבֶל הֲבָלִים, דאָס איז אַלעס אַ טִפָּה מִן הַיָּם** [דאָס] **וואָס מ׳זעט מיט די אויגן, פון וואָס מרדכי וויל, און וואָס המן וויל.**

**יז**

יציאת ידי חובת ״בסומי״ לפי פשט זה

מיין איך געוויס [=זיכער] **אַז איך האַלט עַד דְּלָא יָדַע** [כפי פירוש זה], **ס׳איז ביי מיר קיין שום ספק נישט** [שאין אנו משיגין עומק מרדכי והמן].

אַז מ׳טרינקט אַפּאָר גלעזלעך וויין, איז מען משיג, מ׳קומט דערויף [אַז] אונז ווייס מיר גאָרנישט וואָס המן וויל און וואָס מרדכי וויל. דאָס אַלעס וואָס מ׳ווייס, וואָס מ׳ווייסן מיר, דאָס איז הֶבֶל הֲבָלִים, הֶבֶל הֲבָלִים! דאָס איז גאָרנישט! [ס׳איז] אַ דבר ברור, אונז ווייס מיר נישט וואָס דער חילוק איז פון המן׳ן ביז צו מרדכי׳ן, ס׳איז **אַ גרויסער דיפערענץ** וואָס מ׳הייבט נישט אָן צו וויסן, אונזער השגה איז קורץ מ׳זאָל דאָס וויסן, דאָס איז טייטש עַד דְּלָא יָדַע.

נאָר וואָס דען, דעם מענטש דאַכט זיך אַז מ׳ווייסט יאָ. אַז מ׳טרינקט אָבער אַ גלעזל, אַפּאָר גלעזלעך וויין, ווערט מען געוואויר אַז מ׳ווייסט נישט. דאָס זאָגט דער הייליגער רמב״ם תכלית הידיעה שלא נדע, דאָס איז דער תכלית הידיעה, אַז מ׳זאָל וויסן אַז מ׳ווייסט נישט.

**איבעראַל** [=לכל המדריגות] **קומט מען צו** אַז מ׳טרינקט אַפּאָר גלעזלעך וויין, און צו דעם וואָס דער רמב״ם זאָגט תכלית הידיעה ״שלא נדע״, מ׳קום מיר צי צו דער בחינה ״דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי״, אונז ווייס מיר גאָרנישט.

ס׳איז אַזוי פיל, עמוק עמוק מי ימצאנו, ס׳איז אַ גרויסער חילוק בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי, אונז ווייס מיר נישט. אַזוי ווייט ברויך מען זען צו טרינקען אַפּאָר גלעזלעך וויין.

**יח**

געלויבט השי״ת! איך גלייב אין באַשעפער!

איך ווייס [אַז] מ׳ווייס מיר נישט ווי ווייט דער חילוק איז בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי, **דאַכט זיך מיר איך בין ביי דער בחינה, איך גלייב אין באַשעפער אַז איך ווייס גאָרנישט ווי ווייט ס׳איז.**

**איך האָף צום באַשעפער כ׳האָב יוצא געווען** עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי[ח], דאַכט זיך מיר ס׳איז אַ פֵּרוּשׁ נָכוֹן לכל הפשטים, לכל הדיעות.

---

[ח] ענין נפלא מה ששומעין בתורה זו על הרעקאָרדינג זה איזה פעמים (וגם כאן) דבשעה שרבינו מזכיר באמצע התורה התיבות ״בין ארור המן לברוך מרדכי״ נתקל בלשונו ועולה לו בקישוי לאומרו כהוגן, באופן שזכה לקיים בחינת מאמר הגמרא גם כפשוטו.

KolSatmar.com

### יט
### בקשה ודברי הדרכה אל כותבי "דברי תורה" שלו

[פנה אל הכותבים]: **עטץ מעגטס עס אויפשרייבן!**

**מ'האָט נישט געמאַכט קיין "יום טוב"** [באיסור מלאכה] **פורים,** [רק התירו] **אַז מ'מעג שרייבן, ס'איז אַ גרויסע זאַך.**

ס'שטייט [בגמרא][ט] קודם שטייט [בפסוק] **שִׂמְחָה** [וּמִשְׁתֶּה] **"וְיוֹם טוֹב",** און נאָכדעם שטייט [לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי] **"מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה"**, אויף אַ יום טוב האָט מען נישט מסכים געווען אַז ס'זאָל זיין.

וואָרן ווען ס'העט געווען אַ יום טוב העט מען דאָך נישט געטאָרט שרייבן, אַז ס'איז נישט קיין יום טוב מעג מען שרייבן.

**מ'זאָל עס נאָר גוט שרייבן,** כ'האָב מורא עטץ שרייבטס נישט גוט.

ס'איז היינט אינדערוואָכן, אויף 'דעם' איז נישט יום טוב, **מ'מעג גוט שרייבן.**

**עטץ זאָלטס נאָר גוט שרייבן!** [דעמאָלטס] **ליגט אין דעם אַ טיפע בחינה!**

### כ
# אופן ב
## בביאור המאמר עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי
ותחלה מקדים לזה איזה הקדמות

וועלמיר גיין ווייטער, איך וועל נאָך זאָגן פשטים.

געלויבט השי"ת! וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ, כ'וועל מקיים זיין דעם עַד דְּלָא יָדַע [מיט דעם וואָס] איך וועל זאָגן פשטים.

געלויבט השי"ת! ער האָט געגעבן פאַר אַזאַ'ן אדם שפל האָט הקב"ה געגעבן אַזאַ התעוררות הדעת אַז איך זאָג פשטים.

**געלויבט השי"ת, דאָס איז אויך פון השי"ת, השי"ת האָט מיר געגעבן דעם דעת.** אוי ווי, כאָטשיג איך בין נישט ראוי דערצו, אוי ווי, איך האָף צו השי"ת כ'וועל נאָך טוהן תשובה שלימה.

### כא

איך וועל נאָך עפּעס זאָגן, רבותים מ'מעג צוהערן, .. ווען מען נאָך הערן.

קושיית הישמח משה: בפסוק "וּבַבִּזָּה לֹא שָׁלְחוּ אֶת יָדָם" דמהו הכוונה?

דאָ איז דאָ אַ גרויסע קשיא, דער זיידע זכרונו לברכה אין **ישמח משה**['] פרעגט די קשיא [בפסוק "וּבַבִּזָּה לֹא שָׁלְחוּ אֶת יָדָם", מהו הכוונה בזה, ועיי"ש עוד קושיות].

---

[ט] **בגמרא** (מגילה ה:) הספד ותענית קבילו עלייהו, מלאכה לא קבילו עלייהו. דמעיקרא כתיב (אסתר ט, יט) שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב, ולבסוף כתיב (שם, כב) לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה, ואילו יום טוב לא כתיב. ופירש רש"י: ההוא קרא דכתיב שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב כתיב מעיקרא, קודם קבלה, אבל בשעת קבלה לא קיבלו עליהן אלא שמחה ומשתה, לאוסרן בהספד ותענית, אבל יום טוב לא קיבלו עליהן.

['] **בישמח משה** (פרשת ואתחנן בהפטורה, בהג"ה): מה שנאמר כמה פעמים (אסתר ט, י) "וּבַבִּזָּה לֹא שָׁלְחוּ אֶת יָדָם". להבין מה היה הכונה בזה שלא שללו. וגם מה הפלא שמספר. ועוד קשה למה כתבו בדרך לשון נסתר שיש בו אריכות יותר, מה היה חסר אילו נאמר "ושללם לא בזו". והנראה לי דיש בו ענין נסתר לבד

KolSatmar.com

### כב

קושיא בפסוק וּשְׁלָלָם לָבוֹז: דלמאי נפק"מ הזכירו חסרון "השלל", כשהמדובר מן הריגה ואיבוד הנפשות ח"ו?

[ולי קשה כעין זה על הפסוק הנאמר בעת צרתם "וּשְׁלָלָם לָבוֹז"]. ס'שטייט אין דער מגילה (אסתר ג, יג), און אונז זאָג מיר דאָס אין דער שמונה עשרה (בנוסח ועל הנסים), טַף וְנָשִׁים בְּיוֹם אֶחָד, לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד וגו' טַף וְנָשִׁים, "וּשְׁלָלָם לָבוֹז".

לכאורה האָבן זיי דאָך געוואָלט אויס'הרג'נען חלילה אַלע, וואָס פאַר אַ נפקא מינה "וּשְׁלָלָם לָבוֹז", ווען מען אינטערעסירט דאָ דעם "שלל", אַז ס'וועט זיין חס ושלום נאָכדעם וואָס ס'איז לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד, וועם אינטערעסירט דען דער "שְׁלַל", וּשְׁלָלָם לָבוֹז, ס'איז דאָך אַ פלא למאי נפקא מינה. (הביאור באות כד)

### כג

הישמח משה מפרש קושיתו בפסוק "וּבַבִּזָּה" לֹא שָׁלְחוּ אֶת יָדָם
דהיינו שלא נגעו באותן הנפשות שראו בהם ניצוצות קדושות

...[יא] [ובישמח משה מתרץ קושיתו על הפסוק "וּבַבִּזָּה לֹא שָׁלְחוּ אֶת יָדָם", על פי מה שביאר דכל אותן שהרגו ישראל מהאומות בשעת הנס, הם היו] מזרע עמלק. ס'איז אָבער דאָ נְשָׁמוֹת [ניצוצות קדושות] וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן אין עמלק'ן [שהם עשוקים ביניהם], און מ'האָט זיי מציל געווען [שלא נגעו בהן ישראל בשעת הנס].

- די גמרא זאָגט (גיטין נז:), 'די' גמרא איז דאָך אויך עפּעס אַ הפלא ופלא, אַז פון זיי, מבני בניו של המן, למדו תורה ברבים. דאָס האָב 'איך' שוין געזאָגט [בס"ג בשבת שעבר, לפרש גמרא זו], דאָס איז אַן עקסטערע זאַך (כמבואר להלן אות כה-כז). -

איך וועל קודם זאָגן וואָס דער ישמח משה זאָגט, - [דלכאורה למה לא כלו זרעו לגמרי, אמנם] ס'איז געווען נְשָׁמוֹת וואָס זיי האָבן עס מציל געווען [ולא הרגום].

זאָגט ער, לכאורה פאַרוואָס דערציילט מיר דאָ דער פסוק וּבַבִּזָּה לֹא שָׁלְחוּ אֶת יָדָם.

[נאָר] מ'מיינט "בַבִּזָּה", די נְשָׁמוֹת וואָס זיי האָבן גע'רודפ'ט [שעשקום], די וואָס זיי האָבן געפאַנגען, די [נְשָׁמוֹת] גרים דמִינָן אִידְחוּ[יב], נְשָׁמוֹת וואָס זענען געפאַנגען געוואָרן צווישן די אומות העולם, צווישן די עמלקים, [ועל זה נאמר]

---

הפשוט, דהנה יש להבין הלא איתא בגמרא (גיטין נז:) מבני בניו של המן למדו תורה ברבים, ואם כן מזה מוכרח שלא כָּלוּ זרע המן. ועל זה יש לתמוה שהמסברא זה היה ראוי לראשונה, לכלות זרע הצורר. אבל הענין יובן על פי שדרשו רז"ל (שמות רבה א, כט) בפסוק (שמות ב, יב) וַיִּפֶן כֹּה וָכֹה וַיַּרְא כִּי אֵין אִישׁ, ראה כי אין עתיד לצאת ממנו שיתגייר. ולכך באלו שהיה בהן ניצוצות הקדושה לא נגעו בהן, או שנשפע רוח הקודש על כל ישראל כדרך שנשפע בעת נתינת התורה דהא אז היה עיקר הקבלה (עיין שבת פח, א) והבן, או שמאת ה' מן השמים היה שלא יגעו באלו. ואנשי כנסת הגדולה כתבו המגילה, ידעו זה ברוח הקודש, והבן. והנה איתא בספרים על פסוק (קהלת ד, א) וְשַׁבְתִּי אֲנִי וָאֶרְאֶה אֶת וגו' דִּמְעַת הָעֲשֻׁקִים, בתוך הטומאה. ועל פי זה מדוקדק מאד הלשון "ובביזה", במקום שיש ביזה, "לא שלחו את ידם", והבן.

**ובישמח משה** (פרשת תולדות ד"ה ויאהב יעקב): והנה פירשתי בפסוק "ובביזה לא שלחו את ידם", על פי מה שמצינו שמבני בניו של המן למדו תורה ברבים, הרי שלא כלו זרעו לגמרי. והטעם על זה, דכתיב וירא כי אין איש עתיד להתגייר, על כן ויך את המצרי וגו'. ולכך באלו שראו ברוח הקודש שהיו בהם ניצוצות קדושות לא נגעו בהן. וידוע מה שפירשו וראיתי את דמעת העשוקים, דקאי על ניצוצות הקדושה העשוקים בתוך הטומאה, וז"ש "ובביזה" במקום ביזה "לא שלחו את ידם" לנגוע בהן.

[יא] כאן חסר קצת מן הטעיפ.

[יב] רבינו מביא כמה פעמים דברי הרמ"ע מפאנו (מאמר יונת אלם פרק ו) וז"ל, כי הנלוים עלינו בכל דור ודור, מינן הוו ואידחו, ואע"ג דאינהו לא הוו בסיני, מזלייהו הוה בַּהֲדָן.

KolSatmar.com

"וּבַבִּזָּה" לֹא שָׁלְחוּ אֶת יָדָם, זיי האָבן אַכטונג געגעבן, זיי האָבן טאַקע גע'הרג'עט די אַלע וואָס מ'האָט גע'הרג'עט, חֲמִשָּׁה וְשִׁבְעִים אָלֶף פון זרע עמלק, אָבער "בַּבִּזָּה" לֹא שָׁלְחוּ אֶת יָדָם, די וואָס זענען געווען געפאַנגען - נְשָׁמוֹת ישראל - האָבן זיי לֹא שָׁלְחוּ אֶת יָדָם, די זענען ניצול געוואָרן, אַזוי שטייט אין **ישמח משה**.

**כד**

ביאור הקושיא (באות כב) בפסוק "וּשְׁלָלָם לָבוֹז"

[ועל פי פירוש הישמח משה מתפרש גם לשון הפסוק "וּשְׁלָלָם לָבוֹז", דקאי גם על ענין הַנְּשָׁמוֹת וניצוצות הקדושה שרצה המן הרשע לבוז שלל מישראל ח"ו, ועל כן כשחשב להרוג ולאבד את כל היהודים טף ונשים ביום אחד, אמר גם כן "ושללם לבוז", כי הסטרא אחרא רצתה לינוק מניצוצי הקדושה, לצורך חיותם].

**כה**

ביאור הגמרא "מבני בניו של המן למדו תורה בבני ברק"

אין הייליגן **שבת** (פרשת זכור תשי"ט) **ביי שלש סעודות** האָב איך עפּעס געזאָגט, עטץ זאָלטס נישט מיינען ס'איז עפּעס אַזאַ פשוטע געזאָגעכטס, ס'ליגט דערין **אַ גרויסע בחינה**.

דאָ איז דאָ אַ גרויסע קשיא.

ס'שטייט אַרויס אין די **מכילתא**[יג] אַז הקב"ה האָט געשוואוירן אַז מזרע עמלק זאָל מען נישט מקבל זיין קיין גֵּרִים. ס'איז געקומען צו דוד המלך אַ גֵּר עֲמָלֵקִי, [און] ער האָט אים געזאָגט אַז ער איז גֵּר עֲמָלֵקִי, האָט ער אים געזאָגט דו ביסט דיך אַליין [שולדיג], דמך בראשך, איך מוז דיך הרג'נען, [לפי שאמרת ביסט אַ גֵּר עֲמָלֵקִי, ס'איז נישט פאַרהאַנדן קיין גֵּר עֲמָלֵקִי.

[וקשה] נו וויאַזוי שטייט אין די גמרא **מזרע המן למדו תורה בבני ברק**, מ'קאָן דאָך נישט מקבל זיין קיין גֵּרִים פון אַזאַ עמלק, וויאַזוי האָט מען דאָ מקבל געווען קיין גֵּרִים?

כ'האָב שוין אַמאָל געזאָגט אַ תירוץ דערויף (בס"א יתרו תשי"ט)

**כו**

איך האָב דעם **שבת** (פ' זכור) **ביי שלש סעודות** געזאָגט אַ [אַנדערע] **בחינה**.

הקדמה מדברי הזוהר: דגם בין ישראל יש אנשים ששורש נשמתם הוא מנשמות עמלקים וערב רב

אין **זוהר הקדוש** איז דאָך פיל [שמבואר שם בכמה מקומות] אַז ס'איז פיל [בין בני ישראל] מיט'ן עֵרֶב רַב, מיט עֲמָלֵקִים, מיט עֲרַבְרְבִין (כלשון האונקלס על וְהָאסַפְסֻף, במדבר יא, ד). [ולכאורה] וויאַזוי איז דאָס מעגליך, זיי זענען דאָך געבוירן ביי אידן, וויאַזוי זענען זיי עֲמָלֵקִים.

זאָגט דער **אור החמה** (על זוהר ח"א כה.), די "נְשָׁמוֹת" זענען פון די עמלקים.

[ועיין ויואל משה (מאמר ג' סימן כז), על הגאולה (סימן סב), דברי יואל (תצא מהדו"ת עמוד רד)].

---

[יג] **במכילתא** (בשלח יז, טז) רבי אליעזר אומר נשבע המקום בכסא הכבוד שלו שאם יבא מכל האומות שיקבלוהו ולעמלק ולביתו לא יקבלוהו, שנאמר (שמואל ב' א, יג-טו) וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל הַנַּעַר הַמַּגִּיד לוֹ אֵי מִזֶּה אָתָּה וַיֹּאמֶר בֶּן אִישׁ גֵּר עֲמָלֵקִי אָנֹכִי, נזכר לדוד באותה שעה מה שנאמר למשה רבינו אם יבא מכל האומות שבעולם להתגייר שיקבלוהו ומביתו שלא יקבלוהו, מיד (שם) וַיֹּאמֶר אֵלָיו דָּוִד דָּמְךָ עַל רֹאשֶׁךָ כִּי פִיךָ עָנָה בְךָ, לכך נאמר (שמות יז, טז) מִדֹּר דֹּר.

כז

ואף בין "לומדי תורה ברבים" יש נשמות כאלו

איבערדעם מיין איך אַזוי, אַז דאָס וואָס ס'שטייט אַז מזרע עמלק מזרע בני המן למדו תורה בבני ברק, דאָס איז [רק] נְשָׁמוֹת, אוי ווייי די נְשָׁמוֹת זענען מגולגל געוואָרן אין זרע ישראל און 'די' האָבן געלערנט תורה בבני ברק. דאָס איז דאַכט זיך מיר אַן אמת'ע בחינה, [אין דעם] וואָס די הייליגע חכמים זאָגן מזרע המן למדו תורה בבני ברק, [אַז] דאָס מיינט נְשָׁמוֹת.

נאָר וואָס דען, ס'איז דאָ נְשָׁמוֹת וואָס ווערן אויסגעלייטערט און זיי קומען נאָכאַמאָל אַראָפּ [ואז הם טובים], ס'איז אָבער דאָ נְשָׁמוֹת וואָס זענען נאָך פון די אַלטע בחינה [לא טובה].

**ס'איז דאָ אַזעלעכע נְשָׁמוֹת וואָס זיי לערנען תורה אין בני ברק, וואָס זיי לערנען תורה ברבים, און זיי זענען טאַקע עמלקים. מ'לײדט פון זיי זייער אַסאַך.**

ס'קען זיין אַ בחינה [פון] "נעשה לו כתלמיד חכם" [כמו שאמרו חז"ל על השטן כשהתאבק עם יעקב][ד], **זיי 'לערנען' - לומדי תורה ברבים - און זיי זענען עמלקים,** אַזוי ווי ס'שטייט אין זוהר הקדוש. [עד כאן מדבריו בסעודה ג'].

כח

## ביאור המאמר

תמצית אופן ב: ישנם נשמות ששורש נשמתם מעמלק והמן שמזדככים ונעשים מתוקן והם צדיקים בכלל "ברוך מרדכי", וישנם כאלו שנשארים עמלקים וערב רב כמו שנזכר בזוהר הקדוש והם אף "לומדי תורה ברבים" שהם בכלל "ארור המן", ולפי דעת כל הארץ קשה מאוד להבחין ביניהם, כי אין משיגים שיש בחינה כזו של מרביצי תורה שהם בכלל ארור המן. אבל בפורים על ידי שתיית היין והשראת השכינה באין לידי "השגה" לידע שיש מציאות כזו, ולהכיר שבדרך כלל "אין יודעין" לחלק בין אותם שהם בבחינת "ארור המן" ובין אותם שהם בבחינת "ברוך מרדכי", כי אותם שהם מארור המן עושים רושם ממש כמו אותם שהם מברוך מרדכי, ורק בסייעתא דשמיא גדולה יכולין לראות האמת שכן הוא.

וועלמיר צוקומען צום ענין [בביאור המאמר עד דלא ידע].

איז אַזוי.

ס'איז דאָ אַזאָלעכע וואָס זיי ווערן טאַקע אויסגעלייטערט, זיי קומען אַראָפּ נאָכאַמאָל, נְשָׁמוֹת קומען אַראָפּ אויף דעם עולם, און זיי ווערן אויסגעלייטערט, זיי ווערן טאַקע מתוקן.

און ס'איז דאָ אַזעלכע וואָס זיי בלייבן ווייטער עֲמָלֵקִים, זיי זענען דאָך פונעם שורש נְשָׁמוֹת פון עֲמָלֵקִים, אַזוי שטייט דאָך אין זוהר הקדוש. איבערדעם איז דאָ אַזעלכע וואָס זיי 'לערנען' - לומדי תורה ברבים - און זענען עמלקים. **צרות גדולות לײדט מען פון זיי.**

בעונותינו הרבים, זיי האַלטן מיט - מיט לא עלינו - מיט די כופרים, ה' ישמרינו! אוי ווייי געוואַלד, גרויסע צָרוֹת לײדט מען פון זיי. **דאָס איז דאָס אומגליק פונעם דור, זיי לערנען גאָר תורה ברבים און זיי זענען עֲמָלֵקִים!**

---

[ד] **בגמרא** (חולין צא.) אמר קרא (בראשית לב, כו) בְּהֵאָבְקוֹ עִמּוֹ וכו', כתלמיד חכם נדמה לו. (ועיין באורך בדברי יואל פרשת וישלח עמוד קמד).

איז אַזוי. ס'איז דאָ אַזעלכע וואָס זיי זענען אויסגעלייטערט, זיי זענען צדיקים, און ס'איז דאָ אַזעלכע וואָס זענען טאַקע עֲמָלֵקִים. נו ווער קען דאָס מבחין זיין, מ'זאָל מבחין זיין בֵּין אָרוּר הָמָן לְאָרוּר הָמָן, צווישן דער עמלק וואָס ער איז פון די לומדי תורה ברבים און ער איז גאָר אָרוּר הָמָן, ער איז גאָר זרע עמלק, אַזוי איז עס!, און טאַקע מ'ווייסט נישט קיין חילוק, ס'איז דאָ אַן אָרוּר - ארור הָמָן - ס'איז דאָ אַזעלכע זרע עמלק צווישן די לומדי תורה ברבים.

איבערדעם דאַרף מען קודם טרינקען אַפּאָר גלעזלעך וויין, מ'זאָל האָבן "השראת השכינה", מ'זאָל דאָס זען[טו].

[וזהו שאמרו] עַד "דְּלָא יָדַע" בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי, "איך ווייס נישט" ווער ס'איז המן און ווער ס'איז מרדכי,ביידע לערנען תורה ברבים, איך ווייס נישט ווער, ס'איז דאָ אַזעלעכע וואָס זענען גאָר **מרביצי תורה ברבים** און זיי זענען **אָרוּר הָמָן**, און ס'איז דאָ צווישן די מרביצי תורה ברבים וואָס זענען **בָּרוּךְ מָרְדְּכַי**. אָבער אַזוי פָּשׁוּט פְּשַׁט [בלא שתיית יין והשגה] ווייסט מען נישט [שגם בין התלמידי חכמים יש בחינת ארור המן].

נאָר וואָס דען, על דעת כל הארץ איז עס גאָרנישט צו דערקענען, איי ווי, מוז מען קומען צום אמת. אוי ווי אַז מ'טרינקט אַפּאָר גלעזלעך וויין, אוי ווי ווי, מ'לייגט אַוועק דעם שקר, מ'קומט צום אמת [להבין שיש לומדי תורה ברבים שהם מזרע עמלק, ושקשה להבין ביניהם להת"ח אמתיים], ווייסט מען "איך ווייס נישט בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", ס'איז נישט קיין חילוק, דער אָרוּר הָמָן 'זעט אויס' פּונקט ווי דער בָּרוּךְ מָרְדְּכַי.

אויף אים דערציילט מען אויך ער לערנט תורה, מיט אמת, תורה און יראת שמים. אוי ווי געוואַלד, און מ'ווייסט נישט קיין חילוק טאַקע. יענער 'מאַכט דעם אָנשטעל' פּונקט די זעלבע ווי בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, אוי ווי.

אוי ווי ווער ווייסט דעם חילוק? דאָס איז נאָר מיט **גרויס סייעתא דשמיא** פונעם הימל, אַז דער אייבירשטער העלפט מ'זאָל זען **דעם אמת**, אוי ווי ווי ווי. וואָרן **לויטן שֵׂכֶל הָאֱנוֹשִׁי** ווייסט מען **נישט קיין חילוק**, ער זעט פּונקט אַזוי אויס, דער אָרוּר הָמָן זעט אויס פּונקט ווי דער בָּרוּךְ מָרְדְּכַי.

כט

עטץ זאָלטס נישט מיינען איך זאָג עפּעס גוזמות, איך האָב געטרינקען אַפּאָר גלעזלעך וויין איך זאָג עפּעס אין דער וועלט אַריין.

נאָר קוקט זיך גוט אום, וועט איר זען אַז ס'איז אַזוי. אוי ווי, אַז "איך ווייס נישט". יענער 'מאַכט דעם אָנשטעל', דער אָרוּר הָמָן זעט אויס פּונקט ווי דער בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, ממש אַזוי. - ס'איז אָבער נישט אַזוי דער אמת.

מ'זאָל נישט מיינען איך זאָג אַזוי ווייל כ'האָב געטרינקען אַפּאָר גלעזלעך וויין, ס'איז אַזוי דער אמת, אוי בעוונותינו הרבים, ס'איז זייער נישט גוט, **אונז ברויך מיר גרויס רחמי שמים מ'זאָלמיר ניצול ווערן** [מתלמידי חכמים כאלו].

---

[טו] בגמרא (יומא עו:) איתא בפסוק (הושע ד, יא) וְיַיִן וְתִירוֹשׁ יִקַּח לֵב, רב כהנא רמי כתיב "תירש" וקרינן "תירוש", זכה נעשה ראש [פירש"י שמפקח לבו בחכמה], לא זכה נעשה רש.

KolSatmar.com

ל

# אופן ג

## בביאור המאמר עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי

תמצית אופן ג: צדיקים הגדולים כל כוונתם הוא רק לעשות רצון הבורא ב״ה, ואינם עובדים כלל לטובת עצמם, ואפילו לו יצוייר שהיה מציאות לקבל עונש גֵּיהִנֹּם על המצות וְגַן עֵדֶן על העבירות, גם כן היו רוצים רק לקיים המצות ולברוח מן העבירות. וזה מדריגה גבוהה מאוד, ועל ידי שתיית היין בפורים הצדיקים נעשים ״דבוק בהבורא״ ית״ש, ומשתוקקים להתקרב למדריגה זו להיות עד ״דלא ידע״, שלא ירצו לדעת החילוק, בין עונש גיהנם שהוא חלקו של ״ארור המן״ לשכר העולם הבא שהוא חלקו של ״ברוך מרדכי״, כי הכל שוה להם בכדי לקיים רצון הבורא ב״ה.

איך וועל זאָגן נאָך אַ בחינה, דאָס איז אַ גרויסע בחינה וואָס אונז אַליינס זעמיר גאָרנישט ביי דער בחינה, אָבער מ׳גלייב מיר אין **באַשעפער** [אַז] **ס׳איז דאָ צדיקים וואָס זענען אין דער בחינה.**

לא

**דער הייליגער ישמח משה, אוי ווי, אוי ווי ווער ווייסט דען ווי גרויס ער איז געוועזן, ווי ווייט ער האָט דערגרייכט מיט זיין עבודה.**

ער זאָגט אין תהלים׳ל[טז], (ביים לעצטן קאַפּיטל אינעם תהלים׳ל [קודם אשרי והללוקה׳ס שאומרים בכל יום ״בתפלה״, במזמור] לְדָוִד בָּרוּךְ ה׳ צוּרִי [הַמְלַמֵּד יָדַי] לַקְרָב [אֶצְבְּעוֹתַי] לַמִּלְחָמָה. דאָרט אינעם לעצטן [קאַפּיטל] תהלים׳ל פאַר ״אשרי יושבי ביתך״), דאָרטן שטייט עפּעס, עפּעס אַ הויכע בחינה.

טייטשט ער, (אָשִׁירָה לַה׳ בְּחַיָּי (תהלים קד, לג), אשירה לאלקים בחיי אשירה לה׳ בחיי[יז]) [בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר בַּה׳ אֲהַלֵּל דָּבָר], זאָגט ער אַזאַ בחינה, אַז צדיקי אמת, די ווילן ׳דינען דעם באַשעפער׳ [בכל אופן ואופן], ווען זיי זאָלן האָבן דאָס גיהנם פאַר די מצות און גן עדן פאַר די עבירות ווילן זיי [נאָר] דינען דעם באַשעפער, זיי ווילן גאָרנישט, ס׳אינטערעסירט זיי נישט דער גן עדן מיט׳ן גיהנם, זיי ווילן נאָר דינען דעם באַשעפער.

נאָר וואָס דען, מ׳קאָן דאָך נישט קלערן אַז פאַר עבודות ה׳ באַקומט מען נישט גן עדן, ס׳איז דאָך פון די י״ג עיקרים מ׳זאָל גלייבן שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ מְשַׁלֵּם שָׂכָר טוֹב לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו, מוז מען דאָך גלייבן אַז פאַר עבודות ה׳ באַקומט מען גן עדן און פאַר עבירות באַקומט מען גיהנם, אָבער מ׳מוז גלייבן [נאָר] ווייל דער באַשעפער זאָגט אַזוי, אָבער ׳זיי׳ זענען נישט ביי דער בחינה.

זיי זענען ביי דער בחינה [אַז] ס׳אינטערעסירט זיי גאָרנישט, ס׳איז נישט קיין נפקא מינה, ווען ס׳זאָל קומען דאָס גיהנם פאַר די מִצְוֹת ווילן זיי נאָר טאָן מִצְוֹת, זיי ווילן ׳טון׳ דעם ״רצון הבורא״ ברוך הוא וברוך שמו [עבור שהוא רצונו

---

[טז] בתפלה למשה (קאפיטל קמג, י. עה״פ למדני לעשות רצונך, בחינה ג). ובדפוס שהיה לפני רבינו נדפס בחינה זו תחת המזמור קמד, לְדָוִד בָּרוּךְ ה׳ צוּרִי הַמְלַמֵּד יָדַי לַקְרָב וגו׳.

[יז] כוונתו להפסוק אָשִׁירָה ״לַהוי״ה״ בְּחַיָּי אֲזַמְּרָה ״לֵאלֹקַי״ בְּעוֹדִי, שהוא כעין הפסוק ״בֵּאלֹקִים״ אֲהַלֵּל דָּבָר ״בַּהוי״ה״ אֲהַלֵּל דָּבָר. וכפי הנראה חידש רבינו בשופכו שיח בפסוק זה לפרשו כעין פירוש הישמח משה או פירוש הגמרא עצמו, ועל כן עלה עתה פירוש פסוק זה בזכרונו, כשדיבר מבחינה זו.

KolSatmar.com

יתברך], [און] זיי ווילן ׳נישט טון׳ דעם ״כנגד רצון הבורא״, נישט וועגן דאָס גיהנם, ס׳אינטערעסירט זיי נישט דער גיהנם מיט׳ן גן עדן, אַזוי שטייט אין **ישמח משה** אין תפלה למשה אין תהלים׳ל דאָרט, אַזוי ברענגט ער.

מ׳זאָל נאָכקוקן אינעווייניג[יח] וואָס ער טייטשט דאָרט, ביי לְדָוִד בָּרוּךְ ה׳ צוּרִי הַמְלַמֵּד יָדַי לַקְרָב אֶצְבְּעוֹתַי לַמִּלְחָמָה, דאָרט אין דעם קאַפּיטל, דאָרטן זאָגט ער דאָס, [על פי הגמרא ברכות שדרשו הפסוק] בַּה׳ אֲהַלֵּל און בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל, סיי בֵּאלֹקִים, סיי [שנוהג עמי] מיט מדת הדין, און בַּה׳, סיי מיט מדת הרחמים [על הכל אֲהַלֵּל].

**לב**

איז אַזוי דער פשט [בהמאמר עד דלא ידע וכו׳], **אוי! פאַרשטייט מען דעם פשט.**

מ׳טרינקט אַפּאָר גלעזלעך וויין, און **מ׳איז דבוק אין באַשעפער**, אינטערעסירט מיר נישט דער אָרוּר הָמָן מיט דעם בָּרוּךְ מָרְדְּכַי.

**איך וויל טאָן דעם ״רצון הבורא״ ברוך הוא, וואָס איז מיר דען אַ נפקא מינה צי אָרוּר הָמָן** [זו גיהנם] **צי בָּרוּךְ מָרְדְּכַי** [זו גן עדן], צדיקים מיינען נישט פאַר דעם, אַ צדיק מיינט גאָרנישט, גאָרנישט ׳זיך׳, גאָרנישט דעם שכר, [נאָר] **איך וויל ׳טון דעם רצון הבורא׳ ברוך הוא.**

אַזוי שטייט דאָרט אין תפלה למשה, מ׳זאָל נאָכקוקן גוט וועט מען פאַרשטיין וואָס ער זאָגט, איך קען עס נישט גענוג מסביר זיין, מ׳זאָל נאָכקוקן אינעווייניג וועט מען פאַרשטיין.

**לג**

איבערדעם איז חַיָּב אָדָם לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד ״דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי״, דער אָרוּר הָמָן מיט דעם בָּרוּךְ מָרְדְּכַי אינטערעסירט מיך גאָרנישט, אינטערעסירן אינטערעסירט נאָר, **מ׳זאָל ״טוהן דעם רצון הבורא״ ברוך הוא וברוך שמו**, איי דאָס איז אָרוּר און דאָס איז בָּרוּךְ, דאָס איז גאָרנישט, איך דאַרף נאָר טון דעם ״רצון הבורא״ ברוך הוא.

**אוי ווי הייליגער באַשעפער, ער זאָגט אַזוי אַרויס בפירוש, אפילו ווען חלילה פאַרקערט, ווען ס׳העט געווען אָרוּר חס ושלום מָרְדְּכַי און בָּרוּךְ הָמָן, וויל איך נישט טון נאָר דעם רצון הבורא ברוך הוא וברוך שמו.**

---

[יח] בתפלה למשה על הפסוק לַמְּדֵנִי לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ כִּי אַתָּה אֱלוֹקָי רוּחֲךָ טוֹבָה תַּנְחֵנִי בְּאֶרֶץ מִישׁוֹר. וזה לשונו: או יאמר על פי מה שאמרו רבותינו ז״ל (ברכות ס:) בפסוק ״בֵּאלֹקִים״ אֲהַלֵּל דָּבָר ״בַּה׳״ אֲהַלֵּל דָּבָר (תהלים נו, יא), היינו בין בחסד בין בדין. והנה אמרו החכמים שעיקר עבודת השי״ת הוא שיהיה על בחינה שגם אם ענוש יענש בגיהנם על קיום המצוה, מכל מקום יעשה בחשקות גדול להשלים רצונו. והנה זה דבר קשה מאוד שיהיה, כיון שהוא אחד מי״ג עקרים שהקב״ה משלם שכר טוב לעושי רצונו. רק שצריך לחשוב ולכוון ׳שאני׳ עושה דבר זה גם על מנת שאסבול בגיהנום, רק רוּחֲךָ טוֹבָה רוצה לומר רצונך הטוב תַּנְחֵנִי בְּאֶרֶץ מִישׁוֹר לעולם הבא, ולא ׳שאני׳ עושה כן על מנת שאירש עולם הבא. והיינו לַמְּדֵנִי לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ כִּי אַתָּה ״אֱלוֹקָי״, רוצה לומר אף אם אקבל עונשים שהם מדת הדין, עם כל זה ורוּחֲךָ טוֹבָה, רוצה לומר שלא ישריש בלבו שאין שכר בנמצא ח״ו, דאם כן מכחיש עיקר גדול באותו פעם, רק שידמה כי רְצוֹנְךָ תַּנְחֵנִי [בְּאֶרֶץ מִישׁוֹר לעולם הבא], ולא ׳שאני׳ עושה משום זה, וזה צריך ׳לימוד׳, שבלבו אמונת השכר ואף על פי כן עובד על מנת לקבל עונשי גיהנם, ודו״ק.

KolSatmar.com

**אוי הייליגער באַשעפער, אוי וויי געוואַלד, ס'האָט מיר פאַרגלוסט דער טעם.**

[רבינו ז"ל עמד פתאום על רגליו ואחז עצמו בעמידה והרכין ראשו כְּאַגְמוֹן וְגָעָה בבכיה בדמעות שליש לאיזה רגעים כתינוק בקול גדול בלא דיבורים בהתעוררות נוראה, והמשיך הדיבורים דלהלן מתוך בכיה עמוקה]:

**איך זאָל נאָך די זכיה האָבן, איך זאָל דבוק זיין אין רצון הבורא ברוך הוא.**

[ושוב בָּכָה מאוד בקול בלא דיבור, ואחר כך המשיך ואמר בבכיות עצומות (וביותר בָּכָה בכל פעם כשהזכיר את התיבות "רצון הבורא ברוך הוא")].

**געלויבט דעם באַשעפער!, מ'טרינקט אמאָל אַפּאָר גלעזלעך וויין, אוי! בעט מען דעם באַשעפער, - כ'האָב נישט קיין כח מ'זאָל לוחם זיין קעגן די יצר הרע, - אוי!** [אַז] **מ'טרינקט אַפּאָר גלעזלעך וויין בעט מען דעם באַשעפער אַז מ'זאָל נאָר "דבוק" זיין אין "רצון הבורא" ברוך הוא.**

[ושוב בָּכָה מאוד לאיזה רגעים בלא דיבור, ואח"כ המשיך ואמר מתוך בכיות מעומק הלב]:

**דער בורא כל עולמים האָט געהאַט צדיקים עובדי השי"ת באמת, זיי האָבן געפירט דאָס דור באמת.**

**אוי וויי וויי מ'זעמיר אין אַזאַ דור שפל.**

**איך האָף נאָך דער באַשעפער - השם יתברך - וועט אָבער אונז נאָך העלפן, מ'וועלמיר נאָך צוקומען צונעם אמת.**

## לד

[וזהו שאמרו] **חַיָּיב אָדָם לְבַסּוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד "דְּלָא יָדַע" ס'זאָל "גאָרנישט אינטערעסירן" בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי,** [שלא יהיה עוד בבחינה] **ס'זאָל אינטערעסירן דער "אָרוּר" מיטן "בָּרוּךְ".** [רק יבא למדריגה לומר] **איך וויל נישט גאָרנישט נאָר דעם "רצון הבורא" ברוך הוא וברוך שמו, און ס'איז מיר נישט קיין נפקא מינה דער ארור מיט'ן ברוך.**

## לה

**אוי וויי! איך וויל טון דעם רצון הבורא ברוך הוא וברוך שמו!**

[ושוב בָּכָה מאוד בלחש לאיזה רגעים, ואח"כ צעק בקול]:

**אוי וויי!**

**אוי וויי! וואָס דען איז מען אויף דער וועלט! אוי וויי,** [נאָר] **אַז מ'זאָל טון דעם רצון הבורא ברוך הוא וברוך שמו.**

**אוי וויי! מ'זאָל האָבן די זכיה, אוי אַז מ'זאָל טון דעם רצון הבורא ברוך הוא וברוך שמו. אוי דאָ ברויך מען נישט עפּעס אַנדערש, נאָר צו טון דעם רצון הבורא ברוך הוא וברוך שמו.**

**אוי! דער באַשעפער זאָל מיר נאָך העלפן איך זאָל נאָך די זכיה האָבן - אוי וויי! בְּגֹדֶל שִׁפְלוּתִי - אַז איך זאָל נאָך טון דעם רצון הבורא ברוך הוא.**

[והעומדים בעזרה בוכים בקול גדול].

KolSatmar.com

### לו

# אופן ד

## בביאור המאמר עד דְלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי

**איך וויל נאָך זאָגן עפּעס אַ בחינה.**

**פִּיטְפְּטַיָּא דְאוֹרַיְתָא טָבִין** (ירושלמי סוף מסכת ברכות). **'וואָס' מ'זאָגט אין די תורה הקדושה, אַז מ'זאָגט אין די הייליגע תורה "דברים אמיתיים", דאָס איז אַלעס חשוב.**

**אוי וויי, איך האָף ס'זאָל זיין לרצון פאַר השם יתברך.**

### לז

בתרגום: שאמר המן מָרְדְּכַי צַדִּיקָא בַּר אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, ומרדכי אמר הָמָן רַשִׁיעָא בַּר זַרְעָא דְבֵית עֲמָלֵק

**ס'שטייט אין דעם תרגום יונתן** (תרגום שני אסתר ו, יא)**, המן האָט געזאָגט** [כָּכָה יֵעָשֶׂה לָאִישׁ] **ווען ער איז געקומען, ער איז געגאַנגען דאָרט מרדכי'ן אַרויפליגן אַזוי** [על הסוס]**, ער האָט געוואָלט מיט אים דאָרט טון וואָס ער** [אחשורוש] **האָט אים געהייסן טון, וַיִּקְרָא לְפָנָיו כָּכָה יֵעָשֶׂה לָאִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ חָפֵץ בִּיקָרוֹ, דאָרטן שטייט אין תרגום יונתן אַז ער** [המן] **האָט אים געזאָגט** [קוּם לָךְ] **אַנְתְּ מָרְדְּכַי מִזַּרְעָא דְאַבְרָהָם וְיִצְחָק וְיַעֲקֹב**[יט]**, וואָס ער איז פון קינדער פון אברהם יצחק יעקב, דער אייבירשטער האָט געהערט צו ענקער תפלה, ... אַזוי האָט ער געזאָגט ביי די גאַנצע מעשה וואָס ער האָט געטוהן, ווען ער האָט געזאָגט וַיִּקְרָא לְפָנָיו כָּכָה יֵעָשֶׂה לָאִישׁ. און מרדכי, דער הייליגער מרדכי, האָט אים געענטפערט אַנְתְּ רָשָׁע מִזֶּרַע עֲמָלֵק.**

### לח

קושיית הישמח משה

לאיזה צורך הזכירו זה לזה ענין היחוס

**שטייט אין *ישמח משה*** (על נ"ך, במגילת אסתר עה"כ ויהי אומן את הדסה)**, פרעגט ער אַ קשיא, וואָס האָבן זיי דעמאָלטס געדאַרפט אויסרעכענען דעם יחוס. המן האָט געדאַרפט אויסרעכענען מרדכי'ן דעם יחוס אַז ער איז מִזֶּרַע אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, למאי נפקא מינה.** [און] **מרדכי האָט אויסגערעכנט דעם יחוס פון המן'ן אַז ער איז מִזֶּרַע עֲמָלֵק, למאי נפקא מינה מ'זאָל רעכענען דעם יחוס.**

**אַזוי פרעגט דער ישמח משה, און ער זאָגט תירוצים.**

### לט

הקדמה מדברי השל"ה, לישוב קושית הישמח משה

**נאָר מיר דאַכט זיך אַזוי.**

---

[יט] **בתרגום שני:** עָנֵי [המן] וַאֲמַר לֵיהּ, קוּם לָךְ מָרְדְּכַי צַדִּיקָא בַּר אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, קְדִים לָךְ סַקָּךְ וְקִטְמָךְ לְעַסְרָא אַלְפִּין כִּכְרֵי כַסְפָּא דִי אֲמָרִית לְאַעָלָא מִן גִּנְזֵי דִילִי לְבֵי גִנְזֵי מַלְכָּא וְלָא אִתְקַבְּלוּן, מִן קֳדָם דְאַתּוּן חֲבִיבִין קֳדָם אֲבוּכוֹן דִי בִשְׁמַיָּא דִי בְכָל עִידָן דְאַתּוּן מְצַלְיָין קֳדָמוֹהִי הוּא מְקַבֵּל צְלוֹתֵיכוֹן וּפָרִיק יַתְכוֹן מִיַּד בַּעֲלֵי דְבָבֵיכוֹן, וְהַשְׁתָּא קוּם לָךְ מָרְדְּכַי צַדִּיקָא מִן סַקָּךְ וּמִן קִטְמָךְ וּלְבוּשׁ לְבוּשָׁא דְמַלְכוּתָא וּרְכִיב עַל סוּסְיָא דְמַלְכוּתָא. עָנֵי מָרְדְּכַי צַדִּיקָא וַאֲמַר לֵיהּ לְהָמָן, הָמָן רַשִׁיעָא בַּר זַרְעָא דְבֵית עֲמָלֵק וכו'.

KolSatmar.com

ס׳איז פאַרהאַנדן, [וועגן] אידן ווערן געהאָלפן איז דאָ צוויי בחינות.

ס׳איז פאַרהאַנדן אידן ווערן געהאָלפן בזכות אבות, אברהם יצחק יעקב, [ויש שהישועה בא מגודל רשעת הרשעים].

א. נו, אַז מ׳ווערט געהאָלפן בזכות אברהם יצחק און יעקב, איז אַביסל אַ פקפוק, טאָמער חלילה מ׳גייט נישט אין זייערע דרכים איז אַ גרויסער קטרוג.

ס׳שטייט אין **של״ה הקדוש**[כ], וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וגו׳ (ויקרא כו, מב) שטייט עפּעס אינמיטן דער תוכחה, וואָס עפּעס דאָ, ס׳שטייט אין די ׳תוכחה׳ וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וגו׳?

זאָגט דער של״ה הקדוש, אַז ער זאָגט [=דכוונת הכתוב], ווען ס׳איז דאָ זכות אבות איז נישט אַזאַ גרויסע [מעלה], וואָרן ווען מ׳זינדיגט איז נאָך אַרגער אַז מ׳איז זרע אברהם יצחק יעקב, מ׳שטאַמט פון אַ הייליגן מקור און מ׳זינדיגט דאָך, איז עס נאָך אַרגער.

איבערדעם אין די ׳תוכחה׳ שטייט וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וגו׳, אינמיטן די תוכחה, זאָגט דער של״ה הקדוש אַז דאָס איז אויכעט לרעה חס ושלום. וואָרן ווען מ׳העט נישט געווען מזרע אברהם יצחק יעקב, העט נישט געווען אַזוי גרויס דער חטא. [אָבער אַז] **דו ביסט פון ״זרע אברהם יצחק יעקב״, פון ״אַזאַ הייליגן מקור״, און דו זינדיגסט דאָך!** - אוי ווייי געוואַלד - איז זייער נישט גוט.

אוי וויי, אוי וויי וויי, וואָס זאָל מען זאָגן?!

אוי וויי, מ׳איז פון אַ הייליגן מקור פון די אבות הקדושים, און מָלֵא עֲוֹנוֹת איז מען, עָוֹן וָפֶשַׁע.

איבערדעם זאָגט דער של״ה הקדוש, דער וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב שטייט אינמיטן די תוכחה, ס׳מאַכט פון די עֲוֹנוֹת נאָך אַרגער.

**מ**

[חוזר אל קושיית הישמח משה]

[על כל פנים] אין **ישמח משה** שטייט דאָ אַ גרויסע קשיא.

ס׳שטייט אין תרגום יונתן, ווען המן איז געקומען צו מרדכי׳ן אַז ער זאָל אים מוזן מאַכן די גאַנצע מעשה וואָס דער אחשורוש האָט אים אָנגעזאָגט, וַעֲשֵׂה כֵן לְמָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי וגו׳ אַל תַּפֵּל דָּבָר מִכֹּל אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ, האָט ער אים גערופן ער האָט אים געזאָגט אַנְתְּ מָרְדְּכַי מִזֶּרַע אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, און מרדכי האָט אים געענטפערט אַנְתְּ הָמָן מִזֶּרַע עֲמָלֵק.

---

[כ] **בשל״ה** (תורה שבכתב, בחקותי, פרק דרך חיים): וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב, קשה, זה הפסוק הוא של נחמה, ועדיין לא גמר הקללות ואיך הפסיק בפסוק של נחמה בתוך הקללות. וקבלתי כי אף זה הפסוק הוא מתוכחת מוסר, כי אינו דומה רשע בן רשע החוטא לרשע בן צדיק, כי הרשע בן צדיק עונשו מרובה, שראה אביו מתנהג בחסידות והוא אין מנהג אבותיו בידיו. וכן אין דומה מי שהוא דר במקום מכוער למי שהוא דר במקום תורה. על זה אמר אני אזכור לך אלו הדברים לכף חובה, שאתה מזרע אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב, וגם הארץ אזכור, כי נתתי לך ארץ ישראל, שאוירא דארץ ישראל מחכים, ועם כל זאת לא הלכת בדרך ישר. על כן כל איש ישים אל לבו, ובפרט מי שיש לו אבות שהיו יראי אלקים, וגם מי שיושב במקום חכמים לומדי תורה, צריך לראות ביותר לילך בעקביהם, לתורה ולמעשים ולמדות, ולילך בדרכי החמודות.

KolSatmar.com

פרעגט דער **ישמח משה**, וואָס האָבן זיי געדאַרפט אויסרעכענען דעם יחוס, [פאַרוואָס] ער האָט געדאַרפט צו זאָגן מרדכי׳ן ער איז מִזֶּרַע אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, און ער האָט אים געדאַרפט צו ענטפערן אַז ער איז מִזֶּרַע עֲמָלֵק, למאי נפקא מינה דער יחוס, אַזוי שטייט אין **ישמח משה** פרעגט ער אַ קשיא, און ער זאָגט אַ תירוץ.

**מא**

**ישוב קושיית הישמח משה**

המן רצה להזכיר יחוס מרדכי לעורר קטרוג אם אינו צדיק בשלימות כמו האבות, ולזה ענה מרדכי להזכיר יחוס המן, כי רשעות הרשעים הוא ודאי בשלימות

נאָר דאַכט זיך מיר אַזוי אַ תירוץ, וואָרן דאָ איז אַזוי.

אַז מ׳ווערט געהאָלפן אין זכות אבותינו אברהם יצחק ויעקב, איז אַ גרויסער פקפוק, אוי ווי געוואַלד, טאָמער גייט מען נישט אין זייערע דרכים, אוי ווי אוי ווי, טאָמער גייט מען גאָר פאַרקערט פון זייערע דרכים, איז דאָך אַ גרויסער קטרוג, אוי ווי, איז עס נישט צום איבערשטיין.

**מב**

ב. אַז מ׳ווערט אָבער געהאָלפן אין זכות ווייל ׳זיי׳ זענען רשעים, [אֵין שום פקפוק, ווייל] ״זיי״ זענען רשעים בשלימות.

**אונז זענען מיר נישט אַזעלכע צדיקים בשלימות, ווי זיי זענען רשעים בשלימות.**

אַז מ׳וועט דאַרפן געדענקען אונזערע זכותים בשלימות, איז עס נישט אַזוי ׳אינגאַנצן׳, איז עס נישט אַזוי ׳קראַנט׳.

אָבער אַז מ׳ווערט געהאָלפן מיט דעם וואָס זיי זענען רשעים בשלימות, **דאָס איז אַזוי בשלימות, אַזעלכע רשעים!** ה׳ יִשְׁמְרֵנוּ, ה׳ יְרַחֵם, אויסגעריסן זאָלן זיי ווערן! זיי זענען דאָך אַזעלכע רשעים בשלימות.

**מג**

המן האָט געוואָלט [מקטרג זיין], עפּעס האָט ער דאָך געזען אַז דאָ מרדכי ווערט דאָך געהאָלפן. האָט ער אים געוואָלט זאָגן, דו ווערסט געהאָלפן ווייל דו ביסט פון ״אברהם יצחק און יעקב״, ממילא אַז ס׳איז בזכות אברהם יצחק ויעקב, טאָמער איז ער גאָר פאַרקערט פון אברהם יצחק יעקב, ער איז נישט אינגאַנצן בשלימות, איז אַ ״קטרוג״.

האָט ער [מרדכי הצדיק] אים געענטפערט, ניין! ווייל דו ביסט ״מזרע עמלק״, דו ביסט זיכער בשלימות, דו ביסט אַ שָׁלֵם, אַן אדם השלם אין עמלק׳ן, אין עמלק׳ס דרכים ביסטו אַן אדם השלם.

אוי ווי געוואַלד, אונז זענען מיר נישט געווען אַזאַ׳ן אדם השלם אין אברהם יצחק יעקב ווי זיי זענען אַן אדם השלם אין עמלק׳ן.

א ראיה פון דאָ, מ׳זעה מיר אַז מרדכי האָט זיך אויסגעקליבן גיכער, ער האָט אים געזאָגט די ישועה איז פאַרדעם ווייל דו ביסט עמלק. אוי ווי, דאָס איז אייביג קראַנט, ער איז אַן עמלק אַזוי בשלימות! אוי ווי געוואַלד, וואָרן ער איז הונדערט פראָצענט.

KolSatmar.com

מד

# ביאור המאמר

**תמצית אופן ד: כשמעוררים זכות אבותינו הקדושים שזהו בחינת "ברוך מרדכי" הצדיק, יש חשש שלא יעורר קטרוג איך נראים כנגדם, וטוב יותר לעורר הישועה להזיר רשעות הרשעים שהם לעולם שלימים ברשעתם, וזהו בחינת "ארור המן" הרשע. אבל בפורים על ידי שתיין היין מסלקין את השכל האנושי וסומכין לגמרי על הבוכ"ע וּמְצַפִּין אליו שנזכה להיות במדריגת השלימות שנוכל להושע גם על ידי בחינת "ברוך מרדכי" כמו על ידי בחינת "ארור המן".**

היצט איז אַזוי, ס׳איז אַ גרויסער חילוק. אַז אידן ווערן גֶעהאָלפן דורך אָרוּר הָמָן, דער אָרוּר הָמָן איז אַזוי בשלימות! וואָרן ס׳איז אַ הונדערט פּראָצענטיגע זאַך. [אָבער] אַז מ׳ווערט גֶעהאָלפן דורך בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, איי וויי גֶעוואַלד, ווער ווייסט דען צי אונז זעמיר אַזאַ שטאַרקער אינעם בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, איי וויי איי וויי, אוי וויי אוי וויי, מ׳פיר מיר זיך נישט אַזוי ווי מרדכי.

אַז מ׳טרינקט אָבער אַפּאָר גלעזלעך וויין, **לייגט מען אַוועק דעמאָלטס דעם שֵׂכֶל אֱנוֹשִׁי, מ׳פאַרלאָזט זיך אויפ׳ן לעבעדיגן באַשעפער,** [אַז] דער באַשעפער וועט אונז העלפן, ער וועט אונז פירן אין מרדכי׳ס דרכים.

**אוי, מ׳זאָלמיר טון דעם רצון הבורא ברוך הוא וברוך שמו.**

**איך האָף צום באַשעפער, מ׳זאָלמיר מקבל זיין דעם עול מלכות שמים.**

דאן קאָן מיר נאָך גֶעהאָלפן ווערן פון "בָּרוּךְ מָרְדְּכַי" פּונקט ווי פון אָרוּר הָמָן.

[דבעלמא הרי] אָרוּר הָמָן איז דאָך קראַנט און בָּרוּךְ מָרְדְּכַי איז נישט אַזוי קראַנט, אָבער מ׳האָף מיר, מ׳טרינק מיר אַפּאָר גלעזלעך וויין, מ׳פאַרלאָז מיר **זיך אויפ׳ן באַשעפער, אוי וויי, וועט דער בָּרוּךְ מָרְדְּכַי זיין אַזוי קראַנט ווי דער אָרוּר הָמָן.**

**אוי! מ׳זאָלמיר דינען דעם באַשעפער בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם, אוי וויי!**

**אוי! בָּרוּךְ מָרְדְּכַי וועט אויף אונז מגין זיין פּונקט ווי דער אָרוּר הָמָן.**

מה

איבערדעם איז דער פשט, חַיָּיב אָדָם לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא, מ׳טרינקט אַפּאָר גלעזלעך וויין, עַד "דְּלָא יָדַע", ס׳איז נישט קיין חילוק, בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי.

[דלכאורה] דער בָּרוּךְ מָרְדְּכַי איז נישט קראַנט, אָבער מ׳טרינק מיר אַפּאָר גלעזלעך וויין, אוי! דעמאָלטס האָפט מען צום באַשעפער דער בָּרוּךְ מָרְדְּכַי איז אויך קראַנט, ס׳איז נישט קיין חילוק, פּונקט ווי דער אָרוּר הָמָן איז קראַנט איז דער בָּרוּךְ מָרְדְּכַי אויך קראַנט, מ׳האָף מיר צום באַשעפער [אַז] מ׳וועלמיר דינען דעם באַשעפער, מ׳וועלמיר מקבל זיין דעם עול מלכות שמים, מ׳זאָלמיר גיין אין דעם וועג פון בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, איז עס פּונקט אַזוי קראַנט ווי דער אָרוּר הָמָן.

איבערדעם חַיָּיב אָדָם לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי, מ׳ווייס מיר נישט קיין חילוק בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי, פּונקט ווי דער אָרוּר הָמָן איז קראַנט, אַזוי איז דער בָּרוּךְ מָרְדְּכַי קראַנט.

KolSatmar.com

מו

אונ מ׳האָף מיר צום באַשעפער.

איך האָף נאָך צום בורא כל עולמים. אוי וויי! מ׳זאָלמיר נאָך דינען דעם באַשעפער באמת ובלב שלם. אוי וויי! מ׳וועלמיר נאָך געהאָלפן ווערן מיט׳ן בָּרוּךְ מָרְדְּכַי פונקט ווי מיטן אָרוּר הָמָן.

**אוי וויי! אוי איז דאָס אַ הייליגער פשט** אין דעם בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי.

אוי וויי מ׳האָף מיר.

**געלויבט השי״ת ער האָט מיר מַשְׁפִּיעַ געווען דעם פשט.**

איבערדעם איז מען חַיָּיב אָדָם לְבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי.

נאָר איך האָף צום בורא כל עולמים, ער וועט מיר נאָך העלפן מ׳זאָל דאָס קאָנען מקיים זיין בפועל.

ס׳זאָל זיין עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי.

מז

רבותים! **ס׳איז נאָך דאָ אַסאַך פְּשָׁטִים**, ס׳איז מיר שווער אַזויפיל צו זאָגן, השם יתברך זאָל מקבל זיין [כְּאִלּוּ הָיִיתִי אוֹמְרָם].

KolSatmar.com

# וְתוֹרָה יְבַקְשׁוּ מִפִּיהוּ

בדברי תורה זו כטוב לב המלך ביין, התבטא רבינו בכמה לשונות על אמירת "דברי תורה" שלו (בכלל), באופן של נכנס יין "יצא סוד", ונפרטם פה אחת לאחת (לפי הסדר שנאמרו):

- אַזויפיל נֶחָמָה האָב איך, אַזויפיל ברענג איך אַריין אין אידן, אַז זיי זאָלן האָבן אמונה אין השם יתברך, דאָס אַליין טרייסט מיך.
- איך האָף איך וועל זאָגן פְּשָׁטִים וואָס ס'וועט זיין לרצון פאַר השי"ת.
- איך מיין איר זאָלט עס אָפּשרייבן.
- איך האָף השם יתברך וועט מיר משפיע זיין דברים נחמדים אַז ס'זאָל זיין לרצון פאַר השי"ת.
- עטץ מעגטס הערן וואָס איך זאָג.
- איך זאָג נאָר דברים וואָס זענען מיוסד על דרך האמת, פון אונזערע ראשונים.
- ס'איז אַ פֵּרוּשׁ נָכוֹן לכל הפשטים, לכל הדיעות.
- עטץ מעגטס עס אויפשרייבן!
- מ'זאָל עס נאָר גוט שרייבן!
- עטץ זאָלטס נאָר גוט שרייבן! ליגט אין דעם אַ טיפע בחינה!
- געלויבט השי"ת! ער האָט געגעבן פאַר אַזאַ'ן אדם שפל האָט הקב"ה געגעבן אַזאַ "התעוררות הדעת" אַז איך זאָג פשטים.
- געלויבט השי"ת, דאָס איז אויך פון השי"ת, השי"ת האָט מיר געגעבן דעם דעת. אוי וויי, כאָטשיג איך בין נישט ראוי דערצו.
- איך וועל נאָך עפּעס זאָגן, רבותים מ'מעג צוהערן.
- אין הייליגן שבת ביי שלש סעודות האָב איך עפּעס געזאָגט, עטץ זאָלטס נישט מיינען ס'איז עפּעס אַזאַ פשוטע געזאָגעכטס, ס'ליגט דערין אַ גרויסע בחינה.
- עטץ זאָלטס נישט מיינען איך זאָג עפּעס גוזמות, נאָר קוקט זיך גוט אום, וועט איר זען אַז ס'איז אַזוי.
- איך וועל זאָגן נאָך אַ בחינה, דאָס איז אַ גרויסע בחינה וכו'.
- אוי! פאַרשטייט מען דעם פשט.
- פִּיטְפְּטַיָּא דְּאוֹרַיְתָא טָבִין. 'וואָס' מ'זאָגט אין די תורה הקדושה, אַז מ'זאָגט אין די הייליגע תורה "דברים אמיתיים", דאָס איז אַלעס חשוב. איך האָף ס'זאָל זיין לרצון פאַר השם יתברך.
- אוי איז דאָס אַ הייליגער פשט.
- געלויבט השי"ת ער האָט מיר מַשְׁפִּיעַ געווען דעם פשט.